TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No:- L.5206 870

העפטל 13 · 3 פּענים

LC. 1035/1

# סאָוויעט-רוסלאַנד

א. נ. שטענצל

לאנדאן, ווייטשעפּל, יולי 1941

---

## די רויטע ארמיי

צוריק אַצינד מיר באַקומען אונזער גלאָריע,
פלאַמיקער אויפפלאַקערן אונזערע פענער;
ליכטיקע שטערן אין די פינסטערנישן —
אינ׳ם קאַמף־ליד די גליאיקע טענער — —

אַ באַראַבאַן אַזאַ איז דער ערד־קיילעך,
איבערגעצויגן מיט מענטשליכע הויטן!
מיט אַלע פויסטן איצטער אויספּויקן
דעם מאַרש פון פאַרטיליקן און פון טויטן.

און איז די זון נישט יענע מעשענע טאַץ,
וואָס מיטן אינ׳ם געפויק אַריינגעפלויגן,
ווי דער שוואַרצער ים — די ציי־האַרמאָניקע! —
אויף אַ קאַזאַק׳ס אַ שויס ברייט־אויסגעצויגן?

אַ, זי איז אַצינד דער גאָלדענער בעכער
מיט מענטשליכן בלוט אים אָנצופילן!
ביז פאַר׳שיכור׳טע אַלע מיר פאַלן,
פאַרמאַטערטע פון טויטן־טענץ־קאַדרילן.

וואָס איז ער דען דער נעבעכדיקער מענטש
און וואָס זיינען דען אַלע זיינע פלענער?
אָ, אַז אונזער בלוט ס׳איז נאָך גוט אַצינד,
צו באַפאַרבן אויפ׳ס־ניי אונזערע פענער — —

TOWER HAMLETS LIBRARIES

און אפשר טאַקע, ווער קאָן עס דען וויסן,
פון אייגענער זינד אונז ריין־צעוואַשן?
מיר קאַרקעוון אויף אַצינד אונזערע לעבנס,
ווי צום אויסשיסן שאַמפּאַניער פלאַשן!

אויפטאַנצן איצט דעם קאַזאַטשאָק, דעם ווילדן,
קניעדיק אים, ביז די שטיוול וועלן פּלאַצן!
און פון׳ם כאַרכלדיקן געסאָפּע דערפון
פאַרהילכט ווערן די קעסל־פּויק מיט די טאַצן — —

האָבן מיר די וועלט — האָט די וועלט אונז אָפּגענאַרט?
אויף שליף פון פּיקע מיט טראָגן אונזער גלויבן!
און מיט פינגער אין מויל מיר פייפן זיך צעזאַ[illegible]ן,
פון שוואַרצן תהום דעם מענטש אַרויסצוהויבן [illegible]—

— — — — — — — — — — — —

רויט איז דאָס בלוט, רויטער אָבער אונזער פאָן,
אונזער לעבן אין איר פלאַטער צו טויכן,
די מענטשן פון זייער נויט צו באַפרייען,
און זייערע דערנידריגונגען צו דערהויכן — —

צוריק אַצינד מיר באַקומען אונזער גלאָריע,
אויף לעבן און טויט מיר וועלן׳ס באַווייזן!
מיר קאָנען עס נאָך, מיר זיינען עס ווערט נאָך,
ס׳פּאַלטשע צו צעטרעטן מיט אונזערע שפּרייזן —

פעסט־געגאָסלט זיינען אונזערע שטיוול,
דעם ווילדסטן קאַזאַטשאָק אויפצוטאַנצן!
און ווען ס׳מוז זיין איבער אייגענע לייבער,
ער מוז ווערן אַצינד אויסגעטאַנצט אינגאַנצן.



## דער סיבירישער אייז-בער

ביז זיינע פאַרשלאָפענע לאַפּעס דער אייז־בער
פון זיינע וואַרעמע פאַסוועס ער קאָן אַרויסנעמען,
פאַרשטזשעמעט־פאַרקרימטע, פאַרטעמפטע גראַטשעס
פון זייער פאַרטייעטקייט זיי אַרויסקלעמען;

ביז פון׳ם טוליען זיך מיט זיינע בערעלעך
ער רייסט אויף זיינע שווערע פאַראָפעטע בליקן!
און אויפכאַפּנדיק שוין און שפּילנדיק זיך שוין,
פון לויטער נחת איינס ס׳אַנדערע צו דערשטיקן...

אַ פאַרהאַרטעוועטע סקורע ס׳האָט דער אייז־בער,
כאָטש אַ לעבעדיקן אים שינדן צו קענען!
ער מוז שוין דערשפּירן ס׳[illegible]אַרפּע מעסער אין פלייש,
אַז זיינע פאַרויכטע בל[illegible]ן כעס צעברענען.

נישט מיט אויסגעשפּרייטע נעצן כאַפּט מען דעם אייז־בער —
מיט האָניק פאַר זיינע בערלעך אַהיים צו ברענגען!
ווי אַ מענטש ער שטעלט זיך דעמלט אויף זיינע צוויי פיס,
כאָטש די קייט אויפ׳ן האַלדז אים אַרומצוהענגען.

און צום טאַקט פון זיינע רינגען ער וועט טאַנצן,
שפּילנדיק זיך אַזוי, בישט שפּירן די געפאַרן — — —
נאָר אַז אַך און ווי איז שוין דעמלט צו יענעם,
ווען דער אייז־בער דערפילט אַז מ׳האַלט אים צום נאַרן —

— — — — — — — — — — — —

צוויי שפּרינג צוריק — כדי איינעם צו מאַכן פאַראויס!
דאָס קרבן זיינס מיט איינמאָל צו פאַקן ביים נאַקן!!
און אַזוי איינגעגראָבן זיך מיט זיין לייב און לעבן,
זיינע פוילע גלידער פון רציחה אויפקנאַקן —

און אַ טאַנץ גייט דעמלט אויף טויט און אויף לעבן,
די רויטע סלינע תאווהדיק אים פון די ליפּן — — —
אַ פאַרהאַרטעוועטע סקורע ס׳האָט דער אייז־בער,
ער מוז שוין צוערשט שפּירן ס׳מעסער אין די ריפּן.

## האַמער און שערפּ

.1

מיר זיינען די אייזערנע וואַנט
ווו זיי וועלן זייערע קעפּ צעשלאָגן,
געקאָוועט ס׳האָט אונז אַ האַמער אַזאַ,
אַלצדינג שוין צו קענען דערטראָגן.

ס׳איז ערד דער אַמאָבאָס, זון — דער האַמער!
אַלע פויסטן דעם בלאָז־זאַק געצויגן!
און לייב צו לייב געקאָוועטע —
פונקען שפּריצן אונזערע אויגן:

מיר זיינען די אייזערנע וואַנט,
נישט צו צעשטערן, נישט צו שפּאַלטן,
שטייען מיר אַזוי אַקסל ביי אַקסל
אַלצדינג צו קענען שוין אויסהאַלטן.

און וועלן מיר פאַלן — איז אַלע מיט אונז!
די גאַנצע ערד מיט אונז צוצודעקן!!
אַ חשכות אַזאַ ס׳וועט קומען איבער איר,
אַלע הערצער פול פינסטערע שרעקן — — —

.2

מיט צאָן אין אייגענעם פלייש געגריזשעט —
פּ׳ן אַזאַ הונגער מיר האָבן געליטן!
ווי טרוקענע תבואות אויף וויסטן סטעפּ,
ס׳האָט טויט מיט זיין שערפּ אונז געשניטן.

מיט מאָגערע זאַנגען, געקאָסעטע,
ס׳האָט שטורעם זיין שפּיל מיט אונז געטריבן — —
פון אַלע פיר־ווינדן צעפּלאָשעטע,
מיט אייזערנע גראַביע אונז צוזאַמגעקליבן!

ס׳האָט צייט געדראָשן — אָבער צייט פאַרזייט!
מיט זעטיקע קערנער צו צייטיקן!!
אויפגעגאַנגענע שטראַלנדיקע פרייד
פון פינסטער־צעאַקערטע ווייטיקן.

שטייען מיר אַזוי געשניטן צו ווערן,
און אין סנאָפּעס צו ווערן געבינדן!
אַלע מענטשן מיט אונז צו זעטיקן,
אָדער גאַנצע וועלט אונטערצוצינדן — — —



## בלוטיקער מולד

לבנה־שערפּ צו שאַרפן
דרייט ערד אַרום זיך,
פונקען־געשפּריץ — די שטערן!
פון דעם אייליקן גיך.

און דער שפּריי־רעגן,
וואָס פאַלט פלוצים אַריין —
פאַלנדיקע טראָפּן
אויף יאָגעדיק שלייף־שטיין!

שוין בייגן די זאַנגען
זייערע קעפּלעך אין ווינד,
הכנעהדיק וואַרטן
צעפּליסטערטער אַצינד —

מיט פולע גאָרשטן פרייד
די זריעה אויסגעשיט,
וועט דאָך נישט מיט געוויין
זיין געצייטיקטער שניט?

אָבער שוואַרצע נאַכט
שווייגט פינסטער, שווייגט שטום:
נישט שערפּ אויסצושאַרפן
דרייט ערד זיך אַרום.

קרום־געשליפן מעסער,
צו טייטן מיט אַ ריר,
הענגט לבנה מולד
איצט פאַר יעדער טיר — —

און נאָך איידער צייטיקן
ס׳וועט הייאָר פולע זאַנג,
איבער אַקער נישט שערפּ —
ס׳וועט גיין שווערער טאַנק.

## אונזער זשניווע — — —

מיר האָבן צעאַקערט דיין ערד, מוטערל רוסלאַנד,
מיט שווייס און מיט טרערן און מיט בלוטיקע ליידן,
ווען קומען איצט יענע, מיט רויבעריש געזאַנג,
די צייטיקע אויפגעגאַנגענע פרוכטן צו שניידן?

איז אונזער טראַקטאָר צו שוואַך, דער קאָמביין צו קליין,
פאַר דער גרויסער גרעטעניש וואָס מיר האָבן?
ווערט אונזער זשניווע מיט טאַנקן איצט אַריינגעפירט,
און מיט באָמבערס־באַגלייט, ווי מיט פיקנדיקע ראָבן!

ווי אַנגעשפּאַרט מיר האָבן דעם ביסן פון מויל,
מוטערל רוסלאַנד, דיין ערד צו קענען פאַרזייען,
אַזוי אונזער לעבן איצט מיר וועלן אָפּשפּאָרן,
די גאַנצע וועלט פון די רויבער טשאַטעס צו באַפרייען.

נישט גיין וועלן זיי פון דאַנען — דיך צו באַמיסטיקן
וועלן זייערע פגרים דאָ־אָ בלייבן ליגן — — —
נאָך פעטער דיינע פעלדער, נאָך גרעסער דיין זשניווע,
און נאָך העכער ביים אַהיימברענגען — דיין וואָלגאַ־זגגן!

צו קליין סיי־ווי־סיי זיינען אונזערע סטאַדאָלעס —
זאָלן זיי אין סנאָפּעס־פונקן אויפפלאַמען!
די גאַנצע וועלט מוז איצט ווערן דער שפּייכלער,
און די זשניווע פאַר אַלע מענטשן צוזאַמען —

— — — — — — — — — — — —

אָ האָ־האָ, וועט דאָס זיין אַ זשניווע הייאָר!
ווי קיינמאָל נאָך נישט אַ שניט אַזוי געראָטן!!
מיט זייערע בלאַנקע קאָסעס צו העלפן
ס'וועט דער טייוול אַליין און דער שטן — — —

מיר האָבן צעאַקערט דיין ערד, מוטערל רוסלאַנד,
מיט שווייס און מיט טרערן און מיט בלוטיקע ליידן,
פלאַמען איצט אויף אונזערע פולע פעטע פעלדער,
צו באַלייכטן די וועלט מיט יובלדיקע זשניווע פריידן.

ענטוועדער אָדער — קאָנען מיר אָדער נישט!
דאָס איז די זשניווע וואָס די וועלט וועט באַווייזן!!
איז אונזער מאַטערניש און מי, אונזער גאַנצע אַרבעט
דעם טייוול, אָדער דעם מענטש צו באַשפּייזן — — —

— — — — — — — — — — — —



## מוטערל מאסקווע

מיט פערציק מאָל פערציק צאַרישע צערקווען
געצלמט מיין פנים, ווען כ'האָב גאָט געזען;
מיינע קני אין טויזנט וווּנדן צעבלוטיקט,
ווען איך בין, צום שטאַרבן, פאַרליבט געווען.

און ערשט, ווען פון אַ מענטש געוואָרן אָפּגענאַרט!
אין שכור־טענץ ווילדע אויסגעטאַנצט מיין האַרץ,
עס אַריינגעוואָרפן אַ בלוטיק צעצאַפּלטס,
אין אַ שוואַרץ־אויגיקע, אין ציגיינערקע שאַרץ —

ווען אונזער איינער צעהוליעט זיך אין מיטן גאַס,
טאַנצט גאָט מיט אים מיט פאַר נחת און פאַר פרייד!
מיט גאָט רעדט ער העמלט מיט טרערן אין די אויגן
ווען דאָס האַרץ זיינס צעוויינט זיך מיט ניין מאָס רייד.

קאָן ווער דען פאַרשטיין אַ זון מיינעם, אַ קאַראַמאַזאָוו?
און האָבן ווערטער, די טיפסטע דען, אַ צוועק?
אָ, ווי אין זיין מאַרש צום לענין־מאַוזאָלעאום,
ס'האָט די גאַנצע ערד אויפגעטרייסלט פאַר שרעק!

און זיי, מיינע זין, מיינע בלוטיק געהייליקטע,
ווי האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט אין זייער יעדן טראָט — —
און מיט זייערע פויסטן, זייערע צעשטרעקטע,
אַרומצונעמען זיך מיט מענטש און מיט גאָט —

אָ, און אַזוי שרעקלעך צו ווערן אָפּגענאַרט!
דעם שטן גאָר פנים אל פנים צו דערזען — —
הייליק אויפציטערן ס'וועט די גאַנצע וועלט,
פון דעם בלוטיקן ווילד וואָס ס'וועט אַצינד געשען — —

— — — — — — — — — — — —

יאָ, טויזנט אויגן ס'האָט דער מלאך המות,
און די הידרע האָט טויזנט מאָל טויזנט קעפּ!
מיינע זין אָבער, מיינע הייליקע קאַראַמאַזאָווס,
ווי ווען זייערע פויסטן אויפציטערן מיט קלעפּ —

פון יעדער זייערע כאַליווע זיי ציען דאָס מעסער
אַ געשליפנס אין אייגענעם האַלדז שוין אַליין
ווי קייגן גאָט — ווען אַן אָפּגענאַרטן פון אים! —
זיי וועלן, מיינע זין, קייגן טייוול איצט גיין.

* * *

אַז מיר דערמאָנען זיך דאָס יאָר ניינצן־אַכצן,
ווייסן מיר אַז אַלצדינג מיר קאָנען דערגרייכן —
פון אונטערן שטיוול, פון אונטער דער רוט אַפויער
מיר האָבן זיך דערהויבן צו העכסטע הייכן.

פאַרן אַקער אונזערע ווייבער, איינגעשפּאַנטע — —
טויזנט־פערד־קראַפט־טראַקטאָר שפּאַנען אונזערע טעכטער!
אָ, אַז אונזערע שטאָלצע זין אַצינד מיר זעען
צעלאַכט זיך אונזער האַרץ מיטן רויטסטן געלעכטער.

יאָ, מיר ווען באַפרייען די וועלט, זי אַפּראַטעווען
פון אונטערן שטיוול, פון אונטער די רוט אַפויער!
עס גייט אונזער טאַנק ווי אַן אַקער איבער דער ערד,
און דער וואָס דערויף זיצט ווי אַן ערליכער פויער.

נישט צו פאַרטיליקן דעם מענטש, אים צו צעשטערן,
אַלצדינג וואָס אויסגעקלערט זיין האַרץ ס'האָט און דערפונדן, —
מיט טורבינען, מיט מאָטאָרן געכפּלט איז אונזער כוח
מיט נייע ליכטיקייטן אונזערע הערצער צעצונדן.

פון'ם קאַגעניקל קאַפּטשענדיק פאַר דער איקאָנע,
צו באַשיינע אַן אויסגעמאָגערטן דערלייזער,
צעצונדן זיינען אונזערע שטעט מיט טויזנט ליכטער,
די פינסטערסטע קעלער אין די אָרעמסטע הייזער.

— — — — — — — — — — — —

אַז מיר דערמאָנען זיך דאָס יאָר ניינצן־אַכצן,
גייט עס ווי העליש־פייער דורך אונזערע גלידער!
אַ ליכט איבער דער וועלט מיר האָבן אָנגעצונדן,
און אָנצינדן אַצינד מיר גייען עס ווידער — — —

יעדעס מענטשליכע פּנים, וואָס אונטער דער זון,
איז לעבעדיקע איקאָנע הייליק צו פאַרערן!
נישט דעם פינסטערן טייוול און זיינע משרתים —
ס'מוז די וועלט און אַלץ וואָס אין איר דעם מענטש געהערן!

געדרוקט ביי י. נרודיצקי, 131־129 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, איסט.



3 פּעניס

צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע פון העפטל 20

# די רויטע אַרמיי

א. נ. שטענצל

---

(ווידמונג)

נישט אַ שטיין אויף אַ שטיין, אַ ציגל אויף אַ ציגל,
ס'וואָלט דאָך קיין זכר פון אונז דאָ נישט געבליבן,
די מצבות צומאָל איבער אונזערע קברים
מיט אַרויסגעריסן און אויף שטויב צעריבן.

אַ וויסטער בית־עולם אַזאַ די גאַנצע שטאָט דאָ,
קופּעס מיט אַש אַלע גאַסן, אַלע סקווערן,
ווען נישט סאָוויעט־רוסלאַנד, ווען נישט די רויטע אַרמיי — —
און קאָן עס נישט איצטער ווידער אַזוי ווערן?!

די גרעסטע הילף וואָס מיר קאָנען, ביז לעצטן אָנשטרענג,
ס'איז אָפּצוראַטעווען אונזער אייגן לעבן — — —
מיר זאַמלען נישט נדבות פאַר דער רויטער אַרמיי —
מיר זיינען פאַרזאַמעלט „טשעסט” איר אָפּצוגעבן!!

מיר בויגען אונזערע קעפּ צו די העלדישע שריט,
און צו זייער פאָן מיר הייבן אויף די אויגן,
אין זייער בלוט זי טונקט זיך אַלץ גרעסער און גרעסער,
איבער גאַנצער וועלט צו ווערן אויפגעצויגן.

ווי ס'פלאַטערט דאָס אַזאַ ליכטיקס אין יעטווידען האַרץ,
ס'זאָל נאָר נישט צאַנקעדיק אויסגעלאָשן ווערן —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
מיר זאַמלען נישט נדבות פאַר דער רויטער אַרמיי —
פאַר זייער רויטער פאָן פון די גאָלדענע שטערן!

---

ביי דער פאַרזאַמלונג „הילף פאַר סאָוויעט רוסלאַנד”
לאָנדאָן־ווייטשעפּל. 30.8.1942